סדר

הגדה של פסח

(על פי נוסח חדש)

געדרוקט אין עברי דייטש מיט אַלע דינים און פירושים
פון דעם
נייען וועלט-מגיד.

ווילנא

בדפוס האחים ראָם.

שנת תרמ"ז לפ"ק

ГАГОДА ШЕЛЪ ПЕСАХЪ.

Типографія Вдовы и братьевъ Ромъ

Жмудовскій переулокъ, собст. домъ №283/256.

ВИЛЬНА.

Дозволено цензурою.—29 Января 1886 г. Вильна.

הקדמה.

אמר המחבר, האט דער מחבר געזאגט: —

יתברך **ה**בורא **וי**שתבח **ה**יוצר, געלויבט איז דער וואס האט בע-
שאפען זיין פאלק ישראל און האט זיי אויסגיוויילט צו מאכען פאר שקלא-
ווען אין מצרים, וואס האבין גימוזט טראגען ליים, מאכין ציגעל און בויען
דיא גרעסטע שטערט און פאלאצען, און אליין וואהנען אין דעם אידישען
שקלאווען-קווארטאל, אין גושן, צוזאמענגעשטיקט, צוזאמענגיפרעסט, אין
הונגער און אין דחקות. געלויבט איז ער, וואס ער האט מפקיר גיווען
זייערע ווייבער און קינדער, דיא ערסטע צו שענדען און דיא אנדערע צו
ווארפין אין טייך אדער צו מארדען, כדי פערגניגען צו פערשאפען פרעה'ן
מיט זיינע חרטומים און סריסים. געלויבט איז ער פאר דיא אלע טובות,
ווארום ווען ניט זיי וואלט זיך אין אונז קיינמאל ניט אויפגיוועקט דער
מענשליכער גייסט און מיר וואלטין קיינמאל ניט גימאכט קיין מרידה
(רעוואלוציאן בלע"ז) כדי זיך צו בעפרייען מיט גיוואלט פין דעם שקלא-
ווען יאך. געלויבט איז ער אויך פאר דיא 40 יאהר וואס ער האט אונז
ארומגישלעפט אין דעם פינסטערן וויסטען מדבר, פאר אלע מלחמות אין
בלוטפערגיסונגען, וואס מיר האבין גיהאט, און בעזונדערס פאר אהרן
מיט זיין גאלדענע קאלב . . . און וויל זיינע חסדים זיינען אזוי פיעל און
זיינע בארמהערציגקייט אזוי גרויס, מוזין מיר איהם דעריבער דאנקען און
לויבען און ריהמען און בעשיינען און בעפוצען און בעווינגען און . . .
זיינע גנארע און זיינע טובות מוזין מיר דערציילען צו אונזערע קינדער
און קינדס-קינדער ביז משית וועט קומען . . . און מיר ווילין אויסגי-
לייזט ווערן — אמן.

מעבדות לחרות!

וויא אין מצרים זאָ איצונד,
ערוואַכט און ברעכט דיא קייטען,
מיט קריעגס גישריי אין אייער מונד
זאָלט איהר דיא הערשער טייטען!

* *
*

עס קלינגט דיא גלאָק דער צייט,
דיא גאולה איז ניט ווייט,
שקלאַווען, פֿון נאָהנט אונד ווייט.
ערוואַכט וויא בראַווע לייט!

בעור חמץ.

מען קומט אַהיים פֿון דער אַרבייט ביי נאַכט, מען צינד'ט אָן אַ שטיקעל ליכט, מען זוכט אַפֿ'ן טיש, און אונטער'ן טיש, אין אייוועלע און אונטער'ן אייוועלע, אויף דיא פאָליצעס און אונטער דיא פאָליצעס און אין אַלע ווינקעלעך, אפשר האָט זיך ערגיץ וואו פֿאַרוואַלגערט אַ שטיקעלע חמץ... צוא פֿערטריי-בען דעם הונגער. גיפֿינט מען ניט—נעהמט מען דעם קולאַק צו קאָפּען און מען לייגט זיך שלאָפֿען. גיפֿינט מען אָבער צו־פֿעליג יאַ, דאַן זאָגט מען „כל חמירא וחמיעא דאיכא ברשותי" און מען עסט דאָס אויף בנשימה אחת וויא דיא עשרת בני המן אַז עס בלייבט ניט איבער אַפיציל, און דאַן זאָגט מען:

הא לחמא עניא, אָט אַזוי עסט מען און אַזוי ווערט מען פֿאַרשוואַרצט אויף דער וועלט. דעם גאַנצין טאָג האָ-רעוועט מען, און אַז מען קומט ביי נאַכט צו הטיז איז נימאָ וואָס

איבער צו בייסען. דיא ווייב שלאָפט, דיא קינדער שלאָפען; האָבין זיי שיין גיגעסען? גיפינט מען עטוואָס אין אייוועלע— איז דאָס עסען קאַלט און איבערגישטאַנען— נור אַ בויך-וויי-טאָג, אָה-אָה ... השתא הכא, איצטער האַלט דאָס אַזוי, לשנה הבאה— וויים דער טייוויל וויא עס וועט זיין ...

(כאן הבן שואל)

טאַטע, איך וועל ביי דיר פרעגען פיער קשיות:

מה נשתנה, מיט וואָס זיינען מיר אַנדערם פון שמואל דעם פאַבריקאַנט, פון מאיר דעם באַנקיר, פון זרח דעם מלוה, פון ר' טודרוס דעם רב? זיי טוען גאָרניט און האָבין צו עסין און צו טרינקען, ס'יי ביי טאָג סיי ביי נאַכט, חאָטש הונדערט מאָל, מיר האָרעווען מיט אַלע אונזערע כחות דעם גאַנצען טאָג און ביי נאַכט האָבין מיר ניט צו עסין אפילו איין מאָל אויך ניט?

זיי האָבין גרויסע פאַלאַצען, אויסגיפוצט און איינגעריכ-טעט מיט אַלע וויגאָדעס, אַסך שיינע צימערן שטייען גאָר ביי זיי ליידיג, און מיר ליגען צוזאַמענגעשטיקט אין אַ לאָך און מען וויל אונז נאָך פון דאַנען אויך אַרויסוואַרפען?

זיי טוען גאָרניט און טראָגין דיא טהייערסטע קליידער, און מיר האָרעווען וויא אָקסין און האָבין ניט אַ העמד ביי'ן לייב?

זיי עסין אָפּ אַ גוטען מיטאָג, טרינקען אַ גוטע גלאָז וויין

און לייגען זיך שלאָפֿען אין אַ ווייכע, וואַרעמע בעט, און מיר זיינען „כולנו מסובין" — מיר שפּאַרען זיך נאָר צו אַ ווייליגקע אויף אַ סיעניק פֿון שטרוי, כדי מיר זאָלין באַלד ווידער אויפֿשטיין צו דער אַרבייט?

טאַטע, ענטפֿער מיר אַ תירוץ אויף אַלע פֿיער קשיות?

(דער טאַטע פֿערטראַכט זיך אַ ווייל, קראַצט זיך דיא פּאַטילניצע, דערנאָך ענטפֿערט ער)

דער תירוץ, מיין קינד, איז אַזוי:

עבדים היינו לפרעה במצרים, קנעכט, שקלאַ־ווען זיינען מיר געווען ביי פרעה'ן אין מצרים און האָבין גיקנאָטין לייס, גיברענט ציגעל, גיבויט און גיהאָרעוועט וויא אָקסין. דאַמאָלס אָבער האָבין מיר נאָך געהאַט אַ גאָט, וואָס האָט מיטלייד געהאַט מיט דיא אונגליקליכע, האָט ער אונז דורך געוואַלט בעפֿרייט פֿון דער קנעכטשאַפֿט; היינט אָבער ... היינט האַלט גאָט מיט דיא רייכע, נאָר זיי אַליין האָבין אַ גאָט, דען אום אַ גאָט צו האָבין מוז מען בעצאָהלען געלד, און פֿון וואַנען זאָלין מיר, אָרימע אַרבייטער, נעהמען געלד? היינט קענען מיר אויף גאָט ניט האָפֿין אַז ער זאָל אונז בעפֿרייען. היינט האָבין מיר אויף זיך טויזענדער פרעה'ס, וועלכע מאַטערן אונז; וועלכע נעהמען פֿון אונז אַרויס אונזערע כחות און צו וועלכע מיר זיינען פֿערקויפֿט „אנו ובנינו ובני

בנינו". מיר דאַרפֿין זיך איצטער דערמאָנען מיט ליעבע און זעהנזוכט אַן יציאת מצרים מבית עבדים און ריידען אַרום דעם וויא טאָג אַזוי נאַכט, און דערציילען צו אונזערע קינדער און קינדס-קינדער, „וכל המרבה לספר הרי זה משובח."

מעשה בר' שמואל דעם פֿאַבריקאַנט, בר' מאיר דעם באַנקיר, בר' זרח דעם מלוה, בר' טודרוס דעם רב, וויא דיזע אַלע שיינע מענשעלעך זיצען זיך צוזאַמען, טרינקען זיך אַ גלעזעלע גוטע וויין און קלערן אויך אַרום „יציאת מצרים." דיא מעשה אָבער מיט'ן פראָסטען פשט גיפֿעלט זיי גאָרנים. שטייטש! — זאָגין זיי — קנעכט מאַכען אַ בונט און בעפֿרייען זיך! וואָס איז דאָס פֿאַר אַ יושר גלאַט סתם בתטעווען זיך און בעפֿרייען זיך? וואו ווען מיר אין דער וועלט אַהין קומען? ניין, דער פראָסטער פשט טויג דאָ פֿאַר אונז גאָרנים, מיר מוזען זוכען אַנאַנדער דרש. מיר מוזען זיי קיין צייט נים געבין דיזען פראָסטען פשט צו פֿערשטיין. דערנסטמאָל שטעלט זיך אַוועק ר' שמואל און דרשנ'ט: „כל ימי חייך — הלילות", דיין גאַנצעס לעבין זאָל נאָר זיין ביי נאַכט, ביי טאָג אָבער זאָלסטו זיין מיינער, מיין קנעכט, מיין שקלאַפֿע, זאָלסט ביי מיר אַרבייטען אין פֿאַבריק און פֿערשוואַרצט ווערן. ר' טודרוס דער רב שטעלט זיך אַנידער, פֿערגלאָצט דיא אויגען צום הימעל, און זאָגט: „כל ימי חייך — להביא לימות המשיח",

אַרבייט נאַרעלע, האָרעווע, ווער פֿערשוואַרצט; דערפֿאַר אַז משיח וועט קומען, וועט דיר זיין גוט, דו וועסט האָבּען אַ ליכ-טיגען גן-עדן. אָבער „וחכמים אומרים", דיא אמת'ע קלוגע מענשין קומען און זאָגען: „ימי חייך — העולם הזה", איהר שווינדלער, איהר ליידיג-גייער, איהר גאָטעס שטראַפּצעס און פּאַראַזיטען, איהר זוכט דעם אַרבייטער צו פֿערבלענדען און צו פֿערדרייען זיין קאָפּ מיט אַלע נאַרעשקייט און שוואַרציאָהר, כדי איהר זאָלט קענען לעבען אויף זיינע קאָסטען אין אַלעס גוטס און וואוילטאָג אויף דער וועלט, — אָבער ניין, דו אַרביי-טער האָסט ניט צו קוקען אויף דאָס וואָס זיי קוואַטשענען, דען „למען תזכר את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך", גידיינק אַז דו מוזט שטרעבין צום טאָג פֿון דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן, וועלכע וועט דיר מאַכין פֿריי און גליקליך צייט דו וועסט לעבין.

ברוך המקום, גיבענשט זאָל זיין דער אָרט און גי-בענשט זאָל זיין דיא צייט וואָס האָבּין אונז גיגעבין אָט דיזע קלוגע און וואַהרע מענשין, וועלכע עפֿענען אויף אונזערע אויגין. „כנגד ארבעה בנים דברה תורה", עס האַנדעלט זיך אום פֿיער סאָרטען מענשין, אום פֿיער קלאַססען, „אחד חכם, ואחד רשע, ואחד תם, ואחד שאינו יודע לשאול."

חכם מה הוא אומר, וואָס זאָגט דער חכם? דער חכם פֿרעגט: „מה העדות והחוקים והמשפטים אשר צוה ה'

אלהינו אתכם ?" וואָס זיינען דאָס עפּעס פֿאַר גיזעצע וואָס גאָט האָט אייך גיגעבין ? וויא ? ! קען דען אַ גאָט געבין אַזעלכע גיזעצע, אַז דיא גאַנצע מענשהייט זאָל אַרויסגישלעפּט ווערן האָרעווענדיג און קיום האָבין מיט וואָס דיא נשמה צו דער-האַלטין, און אַ קליינער טהייל פֿוילענצער זאָל פֿון זיי אַלעם אָוועקנעהמען, און פֿערהולטייעווען און אויסברייננגען און לעבין אין אַ ים פֿון פֿערגעניגען ? !

רשה מה הוא אומר, דער רשע, דער פּאַראַזיט זאָגט : „מה העבודה הזאת לכם", וואָס איז פֿאַר אייך דיא אַרבייט, פֿאַר וואָס זאָלט איהר טאַקע ניט אַרבייטען? אַ מענש מוז דאָך אַרבייטען, אַ מענש איז דאָך בעשאַפֿין צום אַרבייטען! אַרבייט, אַרבייט, קינדערלעך ! „לכם ולא לו", נאָר אונז הייסט ער אַרבייטען און פֿערשוואַרצט ווערן, נאָר אונז, און ער אַליין שטעקט אַ פֿינגער אין קאַלטע וואַסער ניט אַריין און לעבט פֿון אונזערע פּראַצע ! און ווייל ער נעהמט זיך אַרויס פֿון כלל, איז ער אַ „כופר בעיקר", ער לייקענט אָפּ דיא וואַהרהייט אַז אַלע מענשען זיינען גלייך געבאָרן און גלויבט ניט אן דיא בעפֿרייאונג פֿון דיא מענשהייט, דעריבער האָבין מיר מיט איהם ניט וואָס צו מאַכען. „ואף אתה הקהה את שניו", איהם זאָלסטו נאָר אויסזעצין דיא ציינער און זאָגין : געדיינק, דאָס מיר האָבין זיך שוין אַמאָל בעפֿרייט פֿון

דעם שקלאַווען-הויז, פֿון מצרים, און מיר ווע׳לין זיך פֿון דעם היינטיגען יאָך אויך געווים בעפֿרייען; — מיר, און ניט ער, דען דיזע שקלאַווען-זעעלע איז אונזער אמת׳ער פֿיינד; ער וויל ניט דיא ערלייזונג׳ און מוז צו גרונדע גיין.

תם מה הוא אומר, דער פּראָסטער, איינפֿעלטיגער מענש פֿרעגט: „מה זאת?“ וואָס גייט דאָ פֿאָר צווישען אייך? איבער וואָס קריגט איהר זיך? וועגין וואָס שטרייט איהר? וואָרום זאָלט איהר ניט אָפּמאַכען אייער עסק אין גוט-מוטה? „ואמרת אליו“, איהם זאָלסטו ענטפֿערן: „בחוזק יד“, נור דורך געוואַלט זיינען מיר בעפֿרייט געוואָרן פֿון מצרים, און נור דורך געוואַלט ווע׳לין מיר זיך אויך איצטע בעפֿרייען.

ושאינו יודע לשאול את פתח לו, ווען איינער וויים גאָר ניט וואָס צו פֿרעגין, איהם זאָלסטו אַליין בקיצור דערציילען דיא גאַנצע געשיכטע פֿון אונזער אַמאָליגע און היינטיגע קנעכטשאַפֿט און זאָלסט איהם אַזוי זאָגין:

מתחלה עובדי עבודת זרה היו אבותינו, אונזערע אור-אור-עלטערן זיינען אַ מאָל געווען געטצען-דינער, האָבען גי-גלויבט אין אַלע דומהייטען און האָבין זיך לייכט גילאָזט פֿאַר-פֿיהרען, אָדער נאָך פֿריהער זיינען זיי גאָר געווען ווילד, פֿלע-גין זיך אַרומרייסען און אַרומשלאָגען אַקוראַט וויא ווילדע חיות

און פֿלעגין נאָר פשוט פּרעסין איינער דעם אַנדערן; דער שטאַרקערער פֿלעגט אויפֿפרעסין דעם שוואַכערן. מיט דער צייט אָבער האָט זיך מעהרער ענטוויקעלט דער מענשליכער פֿעשטאַנד, וועלכער האָט אָנגיפֿאַגען צו פֿיהרען מלחמה מיט דיא ווילדע טהירישע נייגונגען און ניעדריגע תאוות פֿון דיא מענשין. דענסמאָל האָבין מענשין בעגריפֿען אַז עס איז ניט גוט צו פּרעסין מענשענפֿלייש און צו פֿערשלינגען איינער דעם אַנדערן. דיא טהיערישע נייגונגען זיינען אָבער ביי דיא מענשין נור וועניג שוואַכער גיוואָרן, דער שטאַרקער פֿלעגט אַזוי וויא פֿריהער אונטערדריקען דעם שוואַכען, נאָר אַנשטאָט איהם אויפֿצועסין, פֿלעגט ער איהם מאַכען פֿאַר זיין קנעכט, וועלכער מוז איהם אָװעקגעבען אַלעס וואָס ער פֿאַרהאָרעוועט.

פֿון דענסמאָל אָן ציהט זיך דורך דיא גאַנצע געשיכטע, דורך טויזענדע און צעהנטויזענדע יאָהרען, אַ אונאויפֿהערליכע מלחמה צווישען דעם פֿערשטאַנד און דיא טהיערישע, נידריגע תאוות, צווישען דעם גוטען און דעם בייזען, צווישען דעם יצר-טוב און דעם יצר-הרע. דער פֿערשטאַנד זוכט איממער צו בעפֿרייען דיא מענשען איינעם פֿון דעם אַנדערן, צו מאַכען זיי גלייך, כדי זיי זאָלין לעבין וויא ברידער אין גליק און צופֿריעדענהייט; און דאַגעגען דיא חיה-רעה וואָס ליעגט אין מענשין זוכט איממער צו אונטערוואַרפֿען איין מענשין דעם אַנדערן, צו צוטהיילען זיי, כדי עס זאָל זיין וועמען צו רייסען, וועמען

צו פֿערשלינגען. אַלע שקלאַווערייען, אַלע אונטערדריקונגען וואָס זיינען געוועזען פֿון דאַמאָלס אָן אויף דער גאַנצען וועלט ביי אַלע פֿעלקער שטאַמען נאָר פֿון דיזער חיה-רעה, פֿון דיזע טהיערישע נייגונגען, וועלכע עס זיינען אונז איבערגעבליבען בירושה פֿון אונזערע אור-אור עלטערן; אַלע פֿערזוכע וועלכע זיינען גימאַכט געוואָרען, צייט דיא מענשהייט עקזיסטירט, אירגענד וועלכע שקלאַווערייע צו פֿערניכטען, שטאַמען פֿון דעם ריין-מענשליכען פֿערשטאַנד, פֿון דעם יצר טוב. טויזענדע מלחמות האָבין שוין דיזע צוויגע פֿיינדע געפֿיהרט צווישען זיך; טויזענדע מאָל איז דער פֿערשטאַנד אויפֿגישטאַנען צו פֿערניכטען דיא חיה-רעה, עס האָט איהם אָבער ביז איצטער ניט אין גאַנצען געגליקט. ער פֿלעגט אפילו אימער מנצח זיין, אָבער דאָס שרעקליכע אונגעהייער פֿלעגט יעדעס מאָל נור אָננעהמען אַנאַנדער געשטאַלט, אַביסעל אַ בעסערע וויא פֿריהער, איז אָבער-אים גרונדע געבליבען דאָס זעלבע טהיער. אַזוי האָט זיך דיא מענשענפֿרעססעריי אומגעוואַנדעלט אין שקלאַווערייע, האָט אין פֿערלויף פֿון יאַהרטויזענדע אָנגענומען אַלץ נייע און נייע געשטאַלטען, ביז עס האט זיך אַרויסגעבילדעט דיא היינטיגע, דיא קאַפּיטאַליסטישע קנעכטשאַפֿט, וואו עס שיינט אַז יעדער מענש קען האַנדלען פֿריי, איז אָבער אין אמת'ן אַ שקלאַווע, איין עבד, פֿילייכט נאָך מעהרער וויא אַ מאָל.

צא ולמד, וואָס האָבין גיוועלט דיא פּאַרצייטיגע הערין פֿון זייערע קנעכט? זיי זאָלין פֿאַר זיי אַרבייטען און געבין אַלץ וואָס זיי ברויכען. ווען אָבער אַ מענש אַרבייט מוז ער עסען; נון, פֿאַרשטייט זיך, אַז דיא קנעכט פּלעגען האָבין וואָס צו עסען, כדי דיא הערין זאָלין קענען לעבען אַ גוטען טאָג פֿון זייער (דיא קנעכטס) ביטערע פּראַצע. דיא הערין פּלעגין זאָרגין, אַז דיא שקלאַווען זאָלין ניט אויסשטאַרבען פֿון הונגער און קעלט, ווארום ווען אַ שקלאַווע שטאַרבט, האָט זיין הערר היזיק. פרעה האָט גוזר גיווען מעהר ניט וויא אויף זכרים. וויא איז אָבער איצטער? דיא גזירה איז אויף אונז אַלעמען, אויף אונז אַרבייטער, וואָס מוזין פֿערקויפֿען זיך זעלבסט, אונזערע פֿרויען, אונזערע קינדער פֿאַר אַ הונגערלוין צו דיא מייסטערס. מיר קענען נור דאַן שטיללען אונזער הונגער, ווען דיא רייכע נעהמען אונז פֿאַר שקלאַווען צו האַרעווען ביי זיי. ענדיגט זיך אָבער ביי זיי דיא אַרבייט, דאַן קיממערן זיי זיך מעהר ניט וועגין אונז; פֿון זייערטוועגין מעגען מיר אַלע קראַפּירען פֿון הונגער — וואָס זיי האָבען גנדאַרפֿט, האָבין מיר זיי געמאַכט. מיר האָבין געבויט הייזער און מיר ליעגען אויפ'ן גאַסס, מיר האָבין שפּייזען גישאַפֿט און צוגיגרייט און זיינען הונגעריג, מיר האָבין קליידער פֿערפֿערטיגט און מיר זיינען „ערום ועריה", אַרומגעריסען און אַרומגעשליסען, נאַקעט און באָרוועס.

ויּרעו אותנו, אונזערע היינטיגע הערן האָבּין אונז בּעהאַנדעלט און בּעהאַנדלען אונז, אונטער דער מאַסקע פֿון גלייכהייט און פֿרייהייט, וועלכע דיא „חיה רעה" דיא בּורזשו-אַזיע, האָט לפנים אָנגענומען, פֿיעל ערגער אַלס דיא פֿאַרצייטיגע הערן. והיה כי תקראנה מלחמה, קומט פֿאָר אַ מלחמה, שיקט מען אונז גיהרג'עט צו ווערן; בּעדאַרף מען האָבּין געלד, זיינען דערויף געמאַכט „שרי מסים" וואָס רייסען פֿון אונז צינזען, טאַקסעס, פּאַדאַטקעס, קאָראָבּקעס; בּרויכין אונזערע הערן פֿעסטונגען, מאַגאַזינען, פּאַלאַצען — מיר בּויען דיא „ערי-מסכנות". ויתנו עלינו עבודה קשה... אַך, דיא עבודה קשה, עבודה קשה! האָבּין מיר דען נאָך אַ טראָפּפֿען בּלוט, וואָס זאָל ניט זיין פֿערגיפֿטעט, נאָך אַ גליעד, וואָס זאָל ניט זיין אָבּגעשוואַכט און אָבּגעשטומפּפֿט פֿון דיזע שווערע און לייב-און-זעעלעטויטענדע צוואַנגס-אַרבּייט?!

ונצעק אל ה', בּיז אַהער האָבּין מיר גישריען צו גאָט, איז אונז אָבּער דערפֿון בּעסער גיוואָרן? איז אונזער אונגליק לייכטער גיוואָרן? מיר שרייען נאָר, מיר זיפֿצען פֿון דער אַרבּייט, האָט ווער דערהערט אונזער שטימע? האָט איינער דערזעהן „את ענינו ואת עמלינו ואת לחצינו?" את ענינו" — דאָס ווייס יעדערער פֿון אונז; ואת עמלינו — אלו הבנים, אונזערע קינדער, אונזערע אָרעמע אונגליקליכע קינדער; זיי האָ-

בין נאָך אויף דער וועלט קיינע גליקליכע שטונדע געװאָסען, און מיר זעהען זיי שוין אלס שקלאַוועו פון דער פריהער יו-געגד! ואת לחצינו—זה הדחק, דיא שרעקליכע, אונערטרעג-ליכע אונטערדריקונג. און ווייל קיינער הערט אונז ניט און קיינער העלפט אונז ניט, דאַרפין מיר זיך אויף קיינעם ניט פערלאָזען. מיר וועלין ניט גיהאָלפען ווערן „לא על ידי מלאך ולא על ידי שרף", אונזער בעפרייאונג איז אין אונז אַליין. מיר וועלין זיך אַליין העלפען — ולא השליח, מיר אַל-ליין -- ולא אחר! — **ביד חזקה, ובזרוע נטויה, ובמורא גדול, ובאותות ובמופתים!**

ואותות — זה המטה, אַרבייטער, נעהמט דעם גראָבין שטעקין!

ובמופתים זה הדם!... אונשולדיגעס בלוט זאָל דורך בלוט אָפגיוואַשען ווערן.

דם ואש ותימרות עשן!

הערר-גאָט-טייפיל-קרייץ-מיליאָנען-האָגעל-דונערוועטער! מיר זאָלען דאָך אַ מאָל בעפּרייט ווערן!

און ווען מיר וועלין דאָס האָבען געטאָן, וועלין מיר אָנפאַנגען צו פיהלען, אַז מיר זיינען אויך מענשען, און מיר

וועלין לעבין און אַרבייטין וויא פֿרייע מענשען. דער מענשלי-כער פֿערשטאַנד וועט פֿיר אימער גובר זיין דיא ניעדריגע, טהיערישע תאוות, און מיר וועלין זינגען אַ נייע, אַ פֿריילינע ליעד, און דיא קאַפּיטאַליסטישע „חיה-רעה“ וועלין מיר בריינ-גען פֿאַר אַ קרבן **לכפר על כל עונותינו.**

(עד כאן אומרים בשבת הגדול)

ר׳ יצחק נפחא (*) אומר, ר׳ יצחק דער קאָוואַל זאָגט, און אַלע פֿערנינפֿטיגע אַרבייטער זאָגין אויך דאָסועלבע: כל שלא אמר שלשה דברים אלו בפסח, ווער עס נעמט זיך, ניט אַריין דיא דריי זאַכין אין קאָפּ אן פסח, לא יצא ידי חובתו, איז זיין געדאַנקען אַן יציאת מצרים ניט ווערטה א קאָפּיקע. ואלו הן, און דאָס זיינען זיי:

פסח, מצה ומרור.

פסח, דאָס וואָס אונזערע עלטערן האָבין גינומען אַ שעפּסעלע און האָבין עס גישאָכטען ווען זיי זיינען בעפֿרייט גיוואָרן פֿון דיא עגיפּטישע שקלאַווערײַ, על שום מה? וואָס

(*) הגה: — אין דער „הגדה על פי נוסח ישן“ שטייט אפילו „ר׳ גמליאל“, נאָר מיר האָבין בקבלה אז דאָס האָט געזאָגט ניט ר׳ גמליאל וואָנדערן ר׳ יצחק נפחא.

פֿאַר אַ בעדייטונג קען דאָס פֿאַר אונז האָבין? על שום, ווייל עס זיינען נאָך היינט דאָ אַ מאַסע דומקעפּ צווישען דיא אַר-בייטער, וועלכע שרעקין זיך און ציטערן אימת מות פֿאַר דיא ערלייזונג. דאָס זיינען פֿון דער סאָרט וואָס האָבין דאַמאָלס גיזאָגט: ושם ראינו את הנפילים בני הענק, אונזערע פֿיינדע זיינען ריזען, זיי האָבין קאַנאָנען און גיוואַלטיגע אַרמעען, ונהי בעיניהם כחגבים וכן היינו בעינינו, מיר זיינען דאָך נעגין זיי היישערעקלעך, למה לנו לנפול בחרב? וואָרום ברויכען מיר זיך איינצושטלען דאָס לעבין? הלה טוב לנו שוב מצרימה, מיר ווילען בעסער בלייבען שקלאַווען. דאָס זיינען ד׳יזעלבע וואָס האָבין דאַמאָלס גיזאָגט: זכרנו את הדגה וגו׳, זיי האָבין גיביינקט נאָך דיא היילע ציבעלעס וואָס זיי האָבין אין זיך אַריין גיפֿרעסין אין דיא שקלאַווערייא. אום פֿון דיא שקלאַווישע ניד-ריגע נשמות, וועלכע זיינען אין מצרים אויך גיווען אַ דאָרן אין דיא אויגען פֿון דיא פֿרייהייטס-קעמפֿפֿער, פּטור צו ווערן, האָבין אונזערע עלטערן גינומען אַ כשר שעפּסעלע, דעם סימבאָל פֿון פֿרייוויליגע שקלאַווערייא, פֿון דעם זיך לאָזין שע-רען, און האָבין עס גיקוילעט, אום דאַמיט צו זאָגין: ופגריכם אתם יפלו במדבר, גייט איהר, ת... לעקער פֿון דיא פרעה׳ס, אויך צום טייוועל, צוזאַמען מיט אייערע טיראַנישע הערען, „ואת בתינו נציל,“ און מיר וועלין שוין וויסען וויא זיך צו העלפֿין און צו רעטען.

מצה וו שאנו אוכלים על שום מה? על שום— ווייל עס זיינען אימער געוועז פֿײנע מענשען ביי יעדער רעוואָלוציאָן וואָס האָבען געזאָגט: יאָ, מען מוז מאַכען אַ רעוואָלוציאָן, אָבער וואַרט ביז מיר וועלין זיך גוט פֿאָרבערייטען. דערמאָנט זיך, זאָגען זיי, אַזאַ אונטערנעהמונג! עס איז דאָך געוואַלטיג! און וואָס וועט ווערן נאָך דער רעוואָלוציאָן? מען מוז זיך פֿריהער גוט אונטערגאַרטלען, מען מוז זיך פֿריהער פֿערזאָרגען מיט „צדה לדרך". און וועהרענד זיי אונטערגאַרטלען זיך קריכענדיג, וועהרענד זיי מאַכען זיך גאַנץ לאַנגזאַם דאָס פעקיל צדה לדרך, וואָס קען פֿערטיג ווערן אם ירצה השם ווען משיח בן דוד וועט קימען צו רייטען אויף אַ רויטען פֿערדעלע, ליגען דיא גרויסע קאַפּיטאַליסטישע לייז אויף זייערע קערפּערס און זויגען און זויגען זייער בלוט, ביז זיי פּלאַצען פֿאַר גרעבקייט, און דיא אויסגעזויגענע קערפּערס וועלין שוין קיין כח ניט האָבין, איידער דאָס פעקיל וועט נאָך זיין פֿערטיג, זיך צו ריהרען פֿון אָרט. אָבער מיר שרייען צו זאָלכע נפשות: אַוועק! איהר זייט ניט דיא ערסטע קריכערס. דאַמאָלס ביי יציאת מצרים זיינען אויך געוועזן אַזעלכע בטלנים וויא איהר, וועלכע זיינען זיך גינאַנגען, אין רעכטען ברען, אין רעכטען גערודער, ערסט דאָס פעקעלע גרייט מאַכען און זיך אָפּבאַקען חלה'לעך אויף צדה לדרך. אָבער לא הספיק בצקם להחמיץ, איידער זייער טייג האָט נאָך דערלעבט זוויער צו ווערן,

איז דיא רעוואָלוציאָן אויסגיבראָכין און דיא בטלנישע קראַצערס האָבין נאָך אַלץ גישריען: „וואַרט! וואַרט! דיא חלה'לעך זיי-נען נאָך ניט פֿערטיג!" אָבער לא יכלו להתמהמה, זיי האָבין זיך ניט גיקענט איינהאַלטין, דען דיא דרינגענדע רעוואָלוציאָן האָט זיי מיטגישלעפּט. וגם צדה לא עשו להם, און מען האָט זיך ב"ה גיקענט בעגיין אָן דעם אויך.

היינט פֿרעג איך אייך:

מרור זה שאנו אוכלים על שום מה? פֿאַר וואָס פֿרע-סען מיר אין זיך נאָך אַריין דיא ביטערנים? בהמות! פֿאַר וואָס לאָזין מיר נאָך פֿערביטערן אונזער לעבין בחמר ובלבנים ובכל עבודה קשה בכל עבודתם אשר הם עובדים עמנו בפרך?

בכל דור ודור, אין יעדען אויגענבליק איז דיא צייט זיך צו בעפֿרייען. זאָגט ניט אונזער צאָהל איז נאָך אַזוי קליין. ווילט נאָר, וועלין מיר שוין זיין אַסך. אַלע בעסערע אַרביי-טער און אָרעמע וועלין צו אונז צושטיין, ווען עס וועט האַלטין דערביי. דיא שעפּסענקעפּ וואָס וועלין זיך נאָך לאָזין שערען וועלין מיר מקריב זיין פֿאַר אַ קרבן-פּסח צום ערהאַבענען צוועק. זייט ניט קיין בטלנים, קיין קריכערס! זאָגט ניט אַז מען מוז זיך פֿריהער חלה'לעך אָפּבאַקען, מען מוז זיך פֿריהער סערווירען אַ פֿיינגידעקטען טיש מיט ווייסע טישטעכער און מיט גוטע לעקערביסען, אום באַלד נאָך דער רעוואָלוציאָן צו

קענען צוגיין צום גרייטען טיש. האָט ניט קיין מורא! עס איז ניט קיין סכנות: וועט מען אין דער אמת'ן ניט עסין קיין גיבראָטענע טויבען; וועט עס אָנקומען אַ ביסעל שווערער; וועט מען עסין אונגייזייערטעס ברויט; מען וועט טריקענען אייף דיא זונן; וועט מען זיך אויסברעכין אַ ביסעל דיא ציין; וואָס איז דען דערביי? איז אונז היינט בעסער? געבראָטענע טויבען פליהען ניט אין מויל אריין; אַז מען שטעלט ניט איין נעמט מען ניט אויס. מיר האָבין גאָר ניט צו פערלירען, אָבער אַ וועלט צו געווינען! לא את אבותינו בלבד, לאָמיר ניט לאָזין דאָס ביישפיעל פון אונזערע מוטהיגע עלטערן אונבעפאָלגט. אלא אף אותנו נוציא, לאָמיר אויך רעוואָלטירען; למען לתת לנו את הארץ, כדי מיר זאָלון האָבין ד י א וועלט. אשר נשבע, — דיא גישוואָרענע וועלט, וואָס גאָט'ס שטריאַפּצעס שווערען אונז צו — לאבותינו, דאָס זיינען מיר מוחל אונזערע פערשטאָרבענע עלטערן.

(דעק צו דאָס אָרימע שטיקעל ברויט, דען זיי האָבין דערצו אויך חשוק, און נעהם דאָס גיוועהר אין דיא האנד און זאָג:)

לפיכך אנחנו חייבים, דעריבער זיינען מיר מחויב

צו פערשילטען און צו פערפלוכען, צו פערווינשען, צו פערהאַסען, צו פעראַכטען, צו פערברענען, צו פערבראָטען, צו צערמאָלען און צו צערשמעטערן אַלע פאַראַזיטען, אַלע בלוט-

זויגער, אַלע „פֿיינע" באַנדיטען, אַלע גיקריינטע טיראַנען, אַל-
לע גראָבע בייכער, אַלע אָנגיפּרעסענע קישקעס, אַלע הערר-
שער, רעגירער און רעדעלפֿיהרער. למי שעשו לאבותינו
ולנו, וועלכע האָבין אונז און אונזערע עלטערן אויסגיזויגען,
אויסגיקוועטשט און אויסגיקוועלט. מיר מוזין זיי שיקען צום
טייוועל און אונז אַרויסציהען **מעבדות לחרות, מיגון
לשמחה, מאבל ליום טוב, מאפלה לאור גדול
ומשעבוד לגאולה ונאמר שירה חדשה,** און
לאָמיר זינגען מוטהיג און פֿייעריג דיא בעגייסטערנדע מאַר-
סעליעזע: -- „מאַרשירט!"

(זאָג הלל מיט קוראַזש.)

מאַרשירט! מאַרשירען מיר מיט מוטה צו דער רעוואָ-
לוציאָן! ניט גיקראָכען, נור מיט גרויס קוראַזש צו דער רע-
וואָלוציאָן! זעהט וויא דיא רעוואָלוציאָן בערייט זיך פֿאָר
בכל העולם. ממזרח שמש עד מבואו, פֿון איין עק וועלט ביז
צום אַנדערן מאַכין זיך אונזערע ברידער בערייט צו דער רע-
וואָלוציאָן. שרעקט זיך ניט פֿאַר אַ קלאַפּ, דען מיר זיינען סיי
וויא סיי ניט גישווינט; סיי וויא סיי פֿליסט אונזער בלוט טייכין
ווייז. פֿערגאָסען ווערט דעם ארבייטערס בלוט, אַריינדרייען-
דיג זיך צווישען דיא ציינער פֿון דיא מאַשינען-רעדער, אַראָפּ-

פאַלענדיג פון דאַך, אַריינפאַלענדיג אין וואַסער, אַרונטערפאַ-
לענדיג אונטער דיא לאָקאָמאָטיוו, דערשטיקט ווערענדיג אין
דיא קוילענמינעס, אויסגישאָסען ווערענדיג אין דיא גרוויזאַמע
מלחמות, און פיר ועמען? לא לנו, ניט פאַר אונז, זאָנדערן
פאַר אונזערע טיראַנען, פאַר דיא וועלט אויפפרעסערס. ניט
פאַר אונז, זאָנדערן פאַר דיא הערצלאָזע גילדערנע קעלבער,
וועלכע ווערן אַליין שיער צופּלאַצט פרעסענדיג גאָר ניט טו-
ענדיג, און אונז, אונז אַרבייטער, וואָס מאַכען אַלעס, לאָזין זיי
קראַפּירען פאַר הונגער און ליידען, קומער און נויט. אַלזאָ,
סיי וויא סיי ווערט אונזער בלוט פערגאָסען, לאָז עס כאָטש
פערגאָסען ווערן פאַר עפּעס! לאָמיר כאָטש וויסען אַז מיר
פאַלען שטרייטענדיג פאַר אונז, פאַר אונזערע קינ-
דער, פאַר וואַהרהייט און רעכט! סיי וויא סיי וועט מען אונז
טרייבין אין פייער ווען אַ ביסמאַרק, אַ בולאַנזשע, אַ
סאַלסבורי, אַ גיערס וכדומה ווילין חשק קריעגען זיך צו
שלאָגען קאָפּ אָן וואַנד. לאָמיר-זשע ליעבער גיין אין פייער
אַריין, אין אַ רעוואָלוציאָן, וועלכע זאָל זיין

מקימי מעפר דל, מאשפות ירום אביון,
להושיבי גלייך עם נדיבים,

און יעדע מאַמע זאָל זיך קענען פרייען מיט איהרע קינדער,

אם הבנים שמחה — מארשירט!

בצאתזהעם ממצרים, ווען דאָס פֿאָלק וויל נאָר אַרויסגייען פֿון דער ענגשאַפֿט, אַז עס וויל זיך נאָר אַהייבגעבין מיט קוראַזש און ענטשלאָסענהייט, איז **הים ראה וינוס**, לויפֿען טייכען אָב, גרויסע בערג ציטערן, קליינע בערגלעך שפרינגען פֿאַר דעם אַלמעכטיגען פֿאָלקסאַרם. דען אַלעס קען מען אַז מען וויל נאָר. ווען דער ווילען שטאַמט פֿון דעם עדלען רעכטסגעפֿיהל, פֿון דעם איבערציינטען בעוואוסטזיין פֿון זיין הייליג רעכט, וועט ער זיך ניט אונטערגעבין: ער וועט שטרייטען אפילו ביז עס וועט ריננען דאָס בלוט **למעינו מים** וויא קוואַלען וואַסער.

(מיט אַ הויך קול)

ברוך אתה, געלויבט ביסטו אונזער הייליג-ערהאַבענעם רעכט, אונזערע טהייערע איבערציינגונג! אָן דיר האַלטען מיר פֿעסט און ווען דיך ניט אָפּלאָזען. זיי, דיא טיראַנען, מעגין אונז רייסען, זיי מעגין אונז ברענען, זיי מעגין אונז בראָטען, דיא מערדער. זיי מעגין אונזערע בעסטע ברידער אויסמאָרדען — זיי ווען אונז אָבער ניט אָפּרייסען פֿון דיר, אָה, אונזער הייליגעס ערהאַבענעם רעכט! אונזערע ריינע כשר׳ע איבערציינגונג! אָן דיר ווען מיר זיך האַלטען פֿעסט! פֿון דיין זיסען, לאַבענדען ברונען ווען מיר שעפּפֿען מיט איין קראַפֿט אין אונזער בלוטיגען שווערען קאַמפּף,

ביז דו, היילינע רעכטפערטינקייט, וועסט אונז אויסלייזען פון אַלע אונזערע צרות און וועסט אונז בדיינגען **למועדים ולרגלים** הבאים לקראתנו לשלום, דאַן וועלען מיר זינגען שיר חדש על גאולתנו ועל פדות נפשנו. — **ברוך אתה,** געלויבט ביסטו רעכטפערטיגקייט, גואל האדם, ערלעזערין דער מענשהייט!

(טרינק אויס אַ פולען בעכער מוטה און קוראַזש, און שריי:)

הויך לעבע דיא סאָציאַלע רעוואָלוציאָן!

רחצה, וואַש דיר אָב דיא הענד, אַרבייטער, און זאָג: ידנו לא שפכו את הדם הזה, מיר זיינען אונשולדיג אין דעם בלוט וואָס ווערט פליעסען. מיר האָבין אייך, טיראַנען, גענוג ניבעטען מיט גוטען. מיר האָבין אייך גענוג געוואַרנט איהר זאָלט מיט גוטען אויפהערן אייערע שרעקליכע טהאַטען. טויזענדער וועגין האָבין מיר אייך געוויזען וויא אַזוי מען קען קומען פריעדליך צו דער רעכטפערטיגע גלייכהייט. מיר האָבין פריעדליך מאַניפעסטירט און דעמאָנסטרירט און איהר האָט אונז אויסאַנאַנדער געטריבען מיט זעבעלהיעבע; מיר האָבין פריעדליך געסטרייקט, און איהר האָט אויף אונז געשיקט זשאַנדאַרמען אויף אונז צו שיסען. איהר, איהר האָט איינגעריכטעט דאָס בלוט-באַד. דאָס אונשולדיגע בלוט זאָל

פֿאַלען אויף אייך, אויף אייערע קעפּ, אויף אייערע הענד און פֿיס און לייב און לעבען!

מוציא, ציה אַרויס דעם שווערד פֿון שייד

מצה, און גיי צום קריעג.

מרור, אוראי וועט עס ביטער און שווער אָנקומען.

כרך, פֿערשטייט זיך, אַז עס וועלען זיך פֿערוויקלען פֿערשיערענע ביטערע פעקלעך.

שולחן עורך, דערפֿאַר אָבער, ברודער, אַז דו וועסט איבערקומען, וועסטו קענען עסען און טרינקען און דיר לאָזין וואָהלגיין.

צפון, בעהאַלט אין דיינע געדאַנקען, דו אונטערדריקטער און בערויבטער אַרבייטער, דעם עלענד, הונגער און נויט פֿון דיר, פֿון דיין פֿרוי און פּיצינקע, אונשולדיגע עופֿעלעך אונטער דעם היינטיגען קאַפּיטאַליסטישען סיסטעם; בעהאַלט אין דיין האַרצין דיא וואַהרהייטען און לעהרען פֿון סאָציאַליזמוס, וועלכער וועט פֿערזיכערען פֿאַר יעדען מענשין, גרויס און קליין, יונג און אַלט, א רוהיגען און גליקליכען לעבין; און איבערהויפּט זאָלסטו האַלטען אין זינען אַז נור דיא סאָציאַלע-רעוואָלוציאָן וועט מאַכין אַ סוף פֿון אַלע צרות, — און דאַן איז צו האָפֿען, אַז

לשנה הבאה בני חורין! לשנה הבאה בני חורין!

לשנה הבאה בני חורין!

אחד מי ידוע.

איינס ווער ווייס? איינס ווייס איך: איין עהרלי-כער מאַן איז דער אַרבייטער.

צוויי ווער ווייס? צוויי ווייס איך: צוויי טהייל פֿון אַרבייטערס האָרגאַניזאַציע נעהמען דיא לײדיג-גייער.

דריי ווער ווייס? דריי ווייס איך: דריי טויזענד רעליגיאָנען געבין אויף דער וועלט.

פיער ווער ווייס? פֿיער ווייס איך: ערגער וויא פֿיער פֿיסיגע זיינען דיא קאַפּיטאַליסטען.

פינף ווער ווייס? פֿינף ווייס איך: אַ פֿינף פֿאַכי-גער ליעגען, דאָס דיא וועלט שטייט פֿינף טויזענד יאָהר.

זעכס ווער ווייס? זעכס ווייס איך: זעכס סדרי משנה, און איינס צום צווייטען קומט ניט.

זיעבען ווער ווייס? זיעבען ווייס איך: שוין צייט צו האָבין אַ שבעה נאָך אַלע אונטערדריקער.

אכט ווער ווייס? אַכט ווייס איך: פֿון אַכט טעג אַ אינגעלע ליידעט שוין פֿון רעליגיאָן.

ניין ווער ווייס? ניין ווייס איך: ניין מאָנאַט סלעק אום דריי מאָנאַט צו אַרבייטען ביז'ן טויט.

צעהן ווער ווייס? צעהן ווייס איך: פֿון משה'ס צעהן געבאָטע איז געוואָרען אַ תרי"ג.

עלף ווער ווייס? עלף ווייס איך: עלף ברידער הענדלער קענען נור רבנים און בטלנים פֿערגלייכען מיט עלף שטערן.

צוועלף ווער ווייס? צוועלף ווייס איך: פֿון דיא צוועלף שבטים איז געבליבען גראַם שטראַם מאַך מיר אַ לעטניק.

דרייצעהן ווער ווייס? דרייצעהן ווייס איך: אויף דרייצעהן טויזענד כפּרות טויג דיא היינטיגע גיזעלשאַפֿט.

——x——

חד עובדיא.

חד עובדיא, חד עובדיא, דזבין אבא-מסטרא בתרי זוזי — חד עובדיא, חד עובדיא.

ואתא בטלן ואכל לעובדיא, דזבין אבא-מסטרא בתרי זוזי — חד עובדיא, חד עובדיא.

ואתא חנוני ואכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא-מסטרא בתרי זוזי — חד עובדיא, חד עובדיא.

ואתא מלוה ובלע לחנוני, דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא דזבין אבא-מסטרא בתרי זוזי — חד עובדיא, חד עובדיא.

ואתא בנקירא ואכל למלוה, דבלע לחנוני, ודאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא-מסטרא בתרי זוזי — חד עובדיא, חד עובדיא.

ואתא בנקרוטא והכה לבנקירא, דאכל למלוה, דבלע לחנוני, דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא-מסטרא בתרי זוזי — חד עובדיא, חד עובדיא.

ואתא קריזיסאָ ושרף לבנקרוטאָ, דהכה לבנקיראָ, דאכל למלוה, דבלע לחנוני, דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא-מסטרא בתרי זוזי — חד עובדיא, חד עובדיא.

ואתא הריוולוציה הגדולה ושחטה לקריזיסאָ, דשרף לבנקרוטאָ, דהכה לבנקיראָ, דאכל למלוה, דבלע לחנוני, דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא-מסטרא בתרי זוזי — חד עובדיא, חד עובדיא.

ואתא הסוציאַליזמוס ברוך הוא ושחט לריוולוציה, דשחטה לקריזיסאָ, דשרף לבנקרוטאָ, דהכה לבנקיראָ, דאכל למלוה, דבלע לחנוני, דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא-מסטרא בתרי זוזי — חד עובדיא, חד עובדיא.

פירוש:

חד עובדיא — איין אַרבייטער. **דזבין** — וועלכען האָט געקויפט. **אבא-מסטרא** — מיין טאַטע דער מייסטער. **בתרי זוזי** — פאַר צוויי גילדען. **ואתא** — איז גיקומען. **בטלן** — אַ ליידיג-גייער. **חנוני** — אַ קרעמער. — דיא איבעריגע ווערטער ווערט יערער בעל שכל אַליין פערשטיין; און ווער עס וועט ניט פערשטיין, וועט איהם קיין פירוש ניט העלפין. **ובכן ובא לעולם גואל במהרה בימינו אמן!**

לעזט דעם

„ארבייטער פריינד“

ארגאַן דער רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליסטישען אַרבייטער אין

אויראָפּא אין אמעריקא,

הערויסגעגעבען פֿון „ינטערנאַציאָנאַלען אַרבייטער בילדונגס-קלוב,“

40, Berner St., Commercial Rd., London E.

ערשיינט יעדען פרייטאג

פרייז: פער עקזעמפּלאַר, אין ענגלאַנד און אויראָפּא 3 הייפּענס, אין אַמעריקאַ, 3 סענט; פער קוואַרטאַל, פּאָסט פֿריי, 2 שילינג.

הויפּט-אַגענטור פֿיר אַמעריקאַ: גרופּע „פּיאָנערע דער פֿרייהייט“ ניו-יאָרק.

אין דער עקספּעדיציאָן פֿון „אַר. פֿר.“ איז צו בעקומען אַלע סאָציאַליסטישע בראָשורען, וועלכע זיינען ערשיענען אין אידיש-דייטשער שפּראַכע.